# מיט א טיפערן בליק

# פרשת במדבר - שבועות תשפ"א

# שבועות, וואס איז די שמחה?

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים..!

די ספירה טעג זענען שוין כמעט פאריבער. מיר שטייען שוין געציילטע טעג פאר קבלת התורה, דער יו"ט וואס גאנץ כלל ישראל גייט אונטער די חופה. אלע הכנות וואס מיר זענען אדורך, אלע מידות וואס מיר האבן געארבעט זיי מתקן צו זיין, קומען זיך יעצט צונויף אין דעם הייליגן מעמד ווען השי"ת געבט אונז די תורה הקדושה נאכאמאל מיט א פרישקייט און התחדשות. ס'איז אונז נאך פארבליבן געציילטע שעות צו קענען מקיים זיין דעם פסוק **הֱיוּ נְכֹנִים לִשְׁלֹשֶׁת יָמִים**, צו זיין גרייט צו די געהויבענע טעג הבאים עלינו לטובה.

ווי באקאנט איז די מעשה וואס ווערט כסדר דערציילט איבער דער עם הארץ וואס איז געקומען שמחת תורה אין בית המדרש און ווי נאר מען האט אים מכבד געווען 'האלטן' א ספר תורה האט ער זיך גענומען טאנצן מיט א אויסטערלישע שמחה צו די וואונדער פון די ארימיגע. צווישן די מענטשן דארט איז געווען איינער וואס האט נישט געקענט צוריק האלטן די נייגער זיינע און האט געפרעגט "זאג נאר, מילא די תלמידי חכמים אדער די אלע וואס הארעווען אין לערנען פרייען זיך, דאס הער איך, אבער איינער ווי אייך, וואס האט איר מיט די תורה"?

"אמת", ענטפערט דער עם הארץ צוריק, און איז זיך מסביר, "איר זענט גערעכט אז ס'איז נישט מיין אייגענע שמחה, איך האב גאנץ ווייניג שייכות מיט די ריכטיגע שמחת התורה אבער ס'איז פארהאן א טיפערע אמת, ס'איז די שמחה פון מיינע ברידער, זיי האבן געלערנט און זענען מסיים און דאס אליין איז א סיבה זיך צו פרייען, שפרינגען און טאנצן".

בדרך כלל זענען מיר געוואוינט צו הערן די מעשה'לע און ס'ברענגט אונז ארויס דעם יסוד אז מיר אלע האבן שייכות און אפילו אויב ס'איז נישט אונזער שמחה איז עס די שמחה פון כלל ישראל און אזוי ווייטער, אבער טייערע ברידער לאמיר זיך פרעגן, איז דאס טאקע די אמת? איז טאקע די מציאות פארוואס מיר פרייען זיך מיט די תורה בלויז ווייל ס'איז מיין חבר'ס / ברודער'ס שמחה? און אז מיר שמועסן שוין לאמיר גיין א טריט טיפער און זיך פרעגן וואס איז טאקע דער שמחה? מילא שמחת תורה אט דעמאלטס מאכן מיר א סיום אויף די חמשה חומשי תורה, מ'ענדיגט ליינען וזאת הברכה, נו קען מען דערהערן דעם געדאנק פון א פרייליכע שטימונג, אבער ביי שבועות דער זמן מתן תורתינו וואס איז דער יום טוב, וואס איז די שמחה וואס ליגט באהאלטן אין די טעג?

יא, פארשטייט זיך אז בפשטות וועלן מיר זאגן וואס פאר א שאלה איז דאס, שבועות איז דאָך דער טאג וואס מיר האבן באקומען די תורה הקדושה און דערפאר פרייען מיר זיך, לאמיר אבער אריין טראכטן און זיך פרעגן וואס איז טאקע די שמחה בשעתן 'באקומען' די תורה, ביי יענע מינוטן איז די תוה"ק ניי און פריש, מיר ווייסן ניטאמאל פונקטליך וואס דארט שטייט, ווי באקאנט האבן מיר געזאגט נעשה פאר נשמע, ריכטיג טאקע אז מיר האבן אויף זיך גענומען די עול התורה און געזאגט אז מיר זענען גרייט אריינצושפרינגען אינעם געשעפט, וואס איז אבער דער געפיל פון 'שמחה' וואס נעמט אונז ארום בשעת'ן נעמען דעם עול ווען מיר ווייסן נאכנישט וואס ערווארט אונז און מיר ווייסן נישט צו מיר וועלן מצליח זיין אויסצופירן דאס וואס מיר נעמען זיך יעצט אונטער?

נאכמער, מען געפינט אין חז"ל **"הכל מודים דבעצרת בעינן לכם"** אז דער יום טוב שבועות איז ספעציעל מיט דעם אז יעדער איינער איז מודה אז מ'דארף אויך פראווענען 'לָכֶם' מיט'ן זיך מְעַנֵג זיין אין גשמיות מיט עסן און טרינקן וכדומה (אפילו די וואס האלטן אז אין אנדערע ימים טובים איז עס נישט קיין חיוב, שבועות איז אבער זיכער אז לכבוד מתן תורה מוז מען ארויסווייזן גשמיות'דיגע שמחה און פרייד) וואס דאס מיינט אז דייקא דער יו"ט פון שבועות וואס מיר וואלטן געטראכט אז דאס איז דער יום טוב וואס זאל זיין כל כולו תורה ותפלה, מען זאל לערנען ממש פיר און צוואנציג שעה ברציפות אבער חז"ל זאגן אונז אז דוקא די זמן תורתינו איז אז זמן וואס ס'איז א מצוה אריינצוברענגען אויך אנדערע הנאות, ווי פארשטייט מען דאס?

חז"ל דערציילן אונז אז ווען הקב"ה איז געגאנגען צו די פעלקער מיט די תורה האבן אלע געפרעגט ומה כתוב בה – וואס שטייט דארט? און ווען זיי האבן געהערט לא תרצח און לא תגנוב וכדומה האבן זיי נישט געוואלט נעמען די תורה, אבער ווען הקב"ה איז געקומען צו כלל ישראל, האבן מיר אויסגעשריגן דעם נעשה ונשמע. לאמיר זיך מתבונן זיין, ווי באקאנט איז כלל ישראל דער עם חכום ונבון, מיר זענען דער פאלק וואס טראכט, פרעגט, און וויל כסדר פארשטיין, נו אויב אזוי פרעגט זיך א דאפעלטע פראגע א. וואס איז די חסרון אז די אומות העולם האבן געוואלט וויסן? און וואס איז טאקע דער פשט אז מיר האבן נישט געפרעגט און געוואלט פארשטיין און אפלערנען פון פריער?

פארשטייט זיך אז מיר האבן נישט קיין השגה אין די גרויסקייט פון די קומעדיגע הייליגע טעג, וואס מיר שמועסן איז אלעס אויף אונזער מדריגה מיטן איינציג תכלית און ציל זוכה צו זיין בעזר ה' ארויסצונעמען די ריכטיגע חיזוק און הדרכה פארן טאג טעגליכן לעבן.

נאר צו פארשטיין דער ענין לאמיר אויפמאכן אונזער שמועס מיט א טיפע לעבנ'ס וויכטיגע מחשבה. מיט עטליכע יאר צוריק זענען מיר געווען אנוועזנד ביי א שיעור פון א חשוב'ער מגיד שיעור, און נאכן שיעור איז געווען עטליכע מינוט וואס די צוהערער האבן געקענט פרעגן שאלות, און צווישן די פארזאמלטע איז צוגעקומען א יונגערמאן און געפרעגט דאס פאלגענדע:

דער יונגערמאן פרעגט: אין 'הלכות תפילה' איז פארהאן פילע קאמפלעצירטע דקות'דיגע הלכות, למשל די הלכות ווען מען מעג יא אדער נישט אויסרעדן, פון נאך ברוך שאמר טאָר מען שוין נישט מפסיק זיין בדיבור אבער נאכזאגן 'אמן' מעג מען נאך יא, נאך יוצר אור ווערט עס הארבער, דערנאך צווישן גאל ישראל און שמונה עשרה מעג מען שוין בכלל נישט מפסיק זיין, און דערנאך אין שמונה עשרה טאר מען ניטאמאל געבן א ווינק, און אפילו אויב א שלאנג וויקלט זיך ארום דעם מענטש טאר מען נישט מפסיק זיין נאר אויב ס'איז א פיקוח נפש, וואס בפשטות פארשטיי איך נישט, אויב מעג מען רעדן זאל מען רעדן און אויב נישט נישט, וואס איז פשט אז ביי איעדע חלק פון תפילה איז פארהאן אנדערע הלכות און דינים, ווען א איד דאווענט שטייט ער פאר בורא עולם און אויב שטייט מען פאר הקב"ה איז אלעס די זעלבע וואס איז דער פשט אז ס'טוישט זיך לפי וואו ער האלט? כ'פארשטיי נישט!

מיט א זעלטענע ליבשאפט און גאונות האט דער מגיד שיעור געענטפערט: איך וויל דיר פרעגן א פראקטישע שאלה, ווען א טאטע קומט אהיים נאכן זיין א גאנצע טאג אין די ארבעט, און ער שפאצירט אריין אין שטוב בשעת ער איז פארנומען און רעדט אויפן סעלפאון זיינע, איז דאס א שיינע זאך? בפשטות נישט, אבער די אמת

איז אז ס'וועגדט זיך וואס און מיט וועמען ער רעדט, אויב רעדט ער עפעס א וויכטיגע פרט פון די ארבעט וואס ער דארף נאך צוענדיגן, איז עס ווייט נישט די זעלבע ווי ווען ער שפאצירט אריין אין שטוב און שמועסט איבער נארישע פאסירונגען און נייעס.

לאמיר גיין א טריט ווייטער, לאמיר זיך פארשטעלן אז דער איד מיט זיין משפחה זענען געפארן אויף אַן אויספלוג, מ'גייט צוזאמען פארברענגן און הנאה האבן מיט געשמאק, דא איז שוין האַרבער, אויב וועט ער דעמאלטס זיין פארנומען אויפן טעלעפאון מיט ארבעט אנגעלעגנהייטן וואס אינדערהיים וואלטן מיר פארשטאנען אז מ'מעג, דא אין דעם מצב איז עס שוין נישט אזוי ריכטיג. אבער אויב זאל זיך עס האנדלען אז ס'האט ח"ו אויסגעבראכן א פייער אדער עפעס שרעקליך האט פאסירט אין זיין ביזנעס, נו איז דאך פשוט און פארשטענדליך אז דאס איז די ריכטיגע זאך צו זיין פארנומען דערמיט אפילו מ'איז יעצט אויף וואקאציע.

לאמיר זיך אבער פאָרשטעלן אז דער איד שטייט אונטער זיין אייגענע חופה, איידער מען גייט אויסרופן דעם הרי את מקודשת, הייבט ער אויף זיין טעלעפאון און שישקעט אריין עטליכע ווערטער, דערנאך געבט ער זיך א פארענטפער **"כ'האב נישט געהאט קיין ברירה ס'ברענט ביי איינע פון מיינע בנינים"** פארשטייט יעדער אז דא איז עס בכלל נישט קיין תירוץ, ווייל אין די מינוטן וואס מען שטייט אונטער די חופה, אין די מינוטן וואס מען איז מקדש א ווייב עקזעסטירט גארנישט אויף די וועלט, און גארנישט מיינט "גארנישט!" און אויב פארשטייט איינער דאס נישט, איז ער בכלל נישט גרייט צום מציאות פון חתונה האבן און לעבן מיט זיין ווייב.

אט דאס זעלבע איז הלכות תפילה האט דער מגיד שיעור אויסגעפירט: ווען מיר באטראכטן הלכות תפילה איז עס א ספר פיל מיט הלכות וויאזוי א איד דארף זיך יא אדער נישט פירן, און צומאל באקומען מען דעם הרגשה ווי יענער יונגערמאן וואס האט געפרעגט די שאלה, וואס איז פשט פון די אלע פרטי פרטים? עס קוקט אביסל אויס לעוֹל ולמשא ח"ו, פארוואס פעלט דאס אלעס אויס און וואס פאר א נפקא מינה מאכט עס בכלל. אבער ווען א איד פאנגט אָן לעבן מיט אַן אמת, כאפט ער גלייך אז ס'איז ממש די פארקערטע, טאקע פון די הייליגע הלכות פון חז"ל קענען מיר דערהערן וואס און וויאזוי א איד'ס דאווענען דארף אויסקוקן, וואס ווייטער מיר טרעטן אריין אינעם דאווענען שטייגן מיר העכער און נענטער צו הקב"ה, און די פארשידענע דַרגות האלטן זיך אין איין טוישן, פונקט ווי אין אונזערע גשמיות'דיגע משל איז דא פארשידענע מצבים פון התקרבות, ס'איז דא אינדערהיים, ס'איז דא וואקאציע, און ס'איז דא די חתונה. דאס זעלבע איז ווען מיר גייען אריין טיפער אינעם דאווענען, ס'איז פארהאן פסוקי דזמרה, יוצר, און דערנאך די הויכפונקט, ווען א איד קומט צו שמונה עשרה דארט טאר א איד בכלל נישט מפסיק זיין ווייל דארט איז חופה וקידושין, דארט שטייט א איד און מאכט יחוד מיט קודשא ברוך הוא... וואס דאס מיינט אין אנדערע ווערטער, **"באטראכט נישט הלכות תפלה ווי פשוט'ע אנווייזונגען וויאזוי צו דאווענען, באטראכט הלכות תפלה אלס א מקור צו וויסן וואס אונזער דאווענען באדייט ווי הייליג און טייער עס איז, און ווי ווייט עס גרייכט"**, די אלע הלכות געבן אונז צו פארשטיין וואס ס'פארלאנגט זיך פון אונז, מיר דארפן דאס 'מיטלעבן' און שפירן אין די רמ"ח איברים, אז יא, מיר שטייען יעצט ממש מיט'ן מלך מלכי המלכים אליין און עס פארלאנגט זיך א העכערע סארט כבוד און רעספעקט. און ווען מיר לעבן דעם מציאות, ווערן די הלכות גאר פשוט און געשמאק איינצוהאלטן, ווייל די עצם הלכה דערציילט אונז ווער מיר זענען, און ווי חשוב און הויעך אונזער עבודה איז.

און אז מיר גייען אויף אט דעם אויסגעטרויטענעם וועג, זיך מתבונן צו זיין אין די תורה ומצוות אלס אַן הוראה **"ווער און וואס מיר זענען"**, וועלן מיר אלס מער און מער דערהערן אונזער גרויסקייט און דערהויבנקייט דורך די הלכות און ציוויים וואס מיר זענען באפוילן געווארן. לדוגמא, די הייליגע ענין פון 'לבוש', א איד גייט אנגעטוען אנדערש, א איד'ס לבוש נעמט אריין פילע מצוות, הלכות און מנהגים (וואס בדרך אגב דארף מען מאכן קלאר פאר זיך און פאר די קינדערלעך אז איעדע חלק האט זיין ענין אין טיפקייט ואכמ"ל) נו קען דאך אבער אמאל א אידיש קינד שפירן אז ס'איז עפעס א פרעשור, ס'איז א עול, ווער רעדט נאך פון צניעות וואס פארמאגט פילע דקות'דיגע הלכות און הנהגות, צומאל שפירט מען דעם הרגשה פון 'וואס איז שוין א חילוק', 'ס'איז כמעט די זעלבע', 'יעדער האט, טוט און טראגט עס' וד"ל, אבער אויב אין די זעלבע צייט דערהערן מיר אין דעם ענין פון לבוש, ווי ספעציעל א איד איז, ווי אויסדערוועלט און אנדערש מיר זענען, פונקט ווי מיר פארשטייען אז דער סאלדאט אין מיליטער דארף זיין אנגעטוען פונקטליך און ריכטיג און ס'איז נישט קיין צמצום אדער שטראָף, אדרבה דאס ווייזט און צייגט אז ער איז א סאלדאט, ער טראגט עס מיט שטאלץ און פרייד ווייל ער איז א מקורב למלכות, אט די זעלבע איז מיט די הייליגע אידישע לבוש וואס זאגט אונז ווער מיר זענען און ווי גרויס אונזער זכיה איז, און מיר זוכן נישט קיין קוּלוֹת און קיין וועג ארויס דערפון.

דער באקאנטער מגיד מישרים **הגאון רבי יעקב גאלינסקי זצ"ל** האט דערציילט אז ווען ער איז געווען אין סיביר זענען געווען דארט צוזאמען מיט איהם עטליכע גענעראלן פון ליטא וואס זענען אויך געווארן געפאנגען דורך די רוסן און פארשיקט קיין סיביר. דארט איז קיינער נישט געווען קיין מיוחס, אלע האבן געארבעט עבודת פרך פון זעקס אזייגער פארטאגס ביז שפעט אין די נאכט אריין. רבי יענק'לע האט אבער באמערקט ווי איין גוי שטייט אויף גאָר פרי, פאר יעדעם, און ווען קיינער זעהט נישט ציט ער ארויס פון באהעלטעניש א זאַק מיט זיינע אלטע מיליטערישע קליידער, ער טוט עס שנעל אָן, און מאכט אזא מיליטערישע סאלוט ווי צו זיך אליין, און דערנאך טוט ער עס אויס און לייגט עס אוועק. ווען רבי יענק'לע האט איהם געפרעגט וואס דער באדייט דערפון איז, האט איהם דער גוי געענטפערט, **"הער אויס, איך בין א גענעראל, יעצט בין איך ליידער אין אזא מצב אין געפענגעניש, אבער איך בלייב ווייטער גענעראל, און איך האף נאך איין טאג ארויסצוגיין פון דאנעט און צוריקגיין צו מיין פאזיציע וואו איך באלאנג, איך געב עס נישט אויף, און דערפאר טו איך אָן די קליידער יעדן טאג צו וויסן און געדענקן ווער איך בין"**...

און דערמיט קומען מיר צו די נקודה פון אונזער שמועס, די הייליגע תורה הקדושה איז נישט בלויז די מצוות און מעשים וואס שטייען דארט געשריבן, נאר די תורה איז אונזער גאנצע מציאות, מיר זענען דער עם הנבחר, הקב"ה האט אונז אויסגעוועלט, **אתה בחרתנו מכל העמים**, ביי מתן תורה זענען מיר געווארן דעם רבונו של עולם'ס פאלק. און דאס איז די גרויסע שמחה אינעם טאג פון מתן תורה ווי חז"ל זאגן אונז **"צאינה וראינה בנות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו ביום חתונתו וביום שמחת לבו"** (שה"ש ג-יא) **"ביום חתונתו" - זה מתן תורה"** חז"ל גלייכן צו דעם טאג פון קבלת התורה צו א חתונה וואס דארט קען מען פרעגן אט די זעלבע שאלות ווי מיר האבן געפרעגט אנפאנג שמועס, וואס איז די גרויסע שמחה ביי א חתונה, פארוואס פרייען זיך די חתן און כלה אזוי שטארק, זיי ווייסן דאך קוים אין וואס זיי גייען אריין, ס'פאלט ארויף אויף זיי א גרויסע עול, נו אויב אזוי וואס איז די שמחה. נאר דער וואס פרעגט אזא קושיא מיינט עס אז ער באגרייפט נישט די מהות פון א חתונה, עס איז א גאנץ נייע מציאות, דער מענטש ווערט אזויווי פון פריש ניי געבוירן, פון זיין בלויז א 'האלבע' האט ער געפונען זיין באשערטע זיווג, זיין שותף אין לעבן מיט וועמען מ'לאזט זיך ארויס אינאיינעם אויף די לאנגע וועג,

ס'איז בעצם א מצב פון שמחה און התחדשות אפגעזעהן פון וואס ס'ווארט זיי אפ שפעטער.

און טאקע דאס איז אויך דער ענין פון קבלת התורה, דער איד כאפט אָן די תורה מיט א ליבשאפט און כאפט זיך אז אָן דעם זענען מיר פשוט נישט גאנץ, אָן די הייליגע תורה פעלט פון אונזער קשר, ס'פעלט פון אונזער נאנטשאפט צו אונזער הייליגע טאטע. ווען מיר 'באקומען' די תורה ווערט פלוצלינג א חתונה, מיר זענען געווארן א נייע און פיל העכערע מציאות וואס איז נישט דא איר'ס גלייכן. אפילו מיר האבן נאכנישט געלערנט, אפילו מיר ווייסן נישט אויב מיר וועלן מצליח זיין אין תורה, אבער קודם זענען מיר דא, מיר האבן עס, מיר זענען געווארן אויסדערוועלט און דערהויבן. ווי באקאנט אז דער **כוזרי** זאגט, די וועלט האט אין זיך פיר קאטעגאריעס, **דומם** א זאך וואס איז א קלאָץ אזוויי שטיינער און האלץ, דערנאך איז פארהאן **צומח** זאכן וואס וואקסן און בליען ווי ביימער און בלומען, דערנאך קומט **חי** וואס לעבט, בהמות חיות און עופות וואס האבן זיך א אמת'ע חיות, און העכער פון דעם איז דער **מְדַבֵּר** וואס דאס איז דער מענטש וואס האט שכל און ער קען רעדן. זאגט דער כוזרי אז העכער פון דעם אלעם איז דא א פינפטע סארט וואס דאס איז **'ישראל'**, א איד איז נישט בלויז נאך א מדבר, נאר ער איז א העכער מין בפני עצמו. און ווי דער מהר"ל ערקלערט, פונקט ווי יעדער פארשטייט אז א 'צומח' איז נישט טייטש א בעסערע דומם, א דומם מיט מער מעלות, ניין, ס'איז א נייע און פיל העכערע מציאות פון א זאך וואס האט אין זיך די כוח פון וואקסן און בליען, און דאס זעלבע איז מיט יעדע מדריגה העכער, א חי איז נישט א צומח מיט מעלות, נאר ס'איז א פרישע זאך אינגאנצן, ס'לעבט ס'קריכט ס'האט כוחות, און אודאי אז דער מדבר איז נישט בלויז ווי א עלעפאנט וואס קען אויך רעדן, נאר ס'איז א מענטש! א מענטש פיל מיט מעלות מיט שכל און פארשטאנד און נאך אויסערגעווענליכע כוחות און כשרונות וואס איז בכלל נישט דא ביי בעלי חיים, דאס זעלבע איז ווען מ'רעדט פון דער חילוק צווישן 'מדבר' און 'ישראל', א איד איז נישט בלויז א מענטש פונקט ווי דער גוי וואס האט פשוט אנדערע חיובים און אויפגאבעס, ניין, **דער איד איז גאנץ א נייע מציאות, בכלל נישט אין איין מדריגה מיט'ן גוי, ער איז א איד, א חלק אלוקי ממעל וואס איז בעצם הייליג און דערהויבן און פיל פיל העכער פון יעדע סארט בריאה אין די וועלט.**

דערמיט דערהערן מיר גאר לעבטיג וואס מיר האבן פריער געשמועסט, אז ווען דער עם הארץ זאגט "איך פריי זיך מיט מיין ברידער'ס שמחה" דאס איז נישט די ריכטיגע ענטפער, אפשר לגבי שמחת תורה קען מען עס נאך נוצן, ווייל עס איז א 'סיום' אויף די תורה, און דער וואס האט נישט געלערנט דארף זיך מיטכאפן מיט יענעמ'ס שמחה. אבער שבועות דאס איז דאך די חתונה אליין, ווען יעדער איד וואס איז נאר א חלק פון כנסת ישראל כלה קרואה בנעימה איז ווי די כלה ביי די חתונה, יעדער איינער בלי שום יוצא מן הכלל איז א מחותן, יעדער איינער איז געווארן דערהויבן אין דעם טאג, און זיך מייחד געווען מיט קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל חד, יעדער איד דארף זיך פרייען מיט די דערהויבענע און הייליגע הרגשה פון "טאטע זיסע איך בין נישט אליין, איך בין נישט קיין האלבע, איך האב א פונקטליכע תכלית און שליחות אויף די וועלט, איעדע איד האט א חלק אין די תורה, איעדע נשמה ליגט דארט". קומט אויס אז **"נישט ווייל ס'איז א ברידער'ס שמחה, ס'איז די שמחה אז מיר זענען ברידער, קינדער פון איין טאטע, וואס לעבן און האבן באקומען די הייליגע תורה"!**

דערמיט פארשטייען מיר זייער גוט, די אומות העולם זיי האבן כסדר געפרעגט דעם מה כתוב בה? וואס שטייט דארט? זיי האבן פארשטאנען אז די תורה איז נישט מער ווי א 'ספר החוקים' מיט אנווייזונגען פאר די מענטשהייט וויאזוי זיך צו פירן, און אויב ס'איז נישט פראקטיש אדער ס'שטימט נישט מיט זיין אגענדע, איז נישט, לאזט ער עס איבער און גייט ווייטער. אבער ביי כלל ישראל איז עס נישט סתם א תורה, נאר ווי געזאגט איז עס א נייע מציאות, **א קשר מיט אונזער טאטע, ביי כלל ישראל איז עס א גליקליכקייט, א קלארע הכרה אז אָן די תוה"ק מיט יעדע איינציגסטע הלכה און מנהג וואס איז רצון אבינו שבשמים פעלט מיר עפעס, ס'פעלט מיר געוויסע קלארקייטן אין מיין מציאות פון לעבן.** און דער געפיל איז די גרעסטע שמחה, נישט אנדערש ווי דער חתן אדער כלה וואס כאטש זיי ווייסן מן הסתם אז ס'קומט א שווערע פארצווייגטע לעבן, אבער די עול איז איין שטיק נעימות, מ'וויל עס האבן און קיינער וויל נישט בלייבן אינדרויסן. יא ברידער לאמיר שמועסן אמת'דיג ס'קען זיין שווער אבער דאך פריידט מען זיך ווייל מיר ווייסן אז אט גייען מיר אריין אין א לעבן וואס איז אמת, אט גייען מיר ווערן גאנץ, **קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל חד הוא.**

און טאקע דערפאר קען זיין אז מען האט קובע געווען אין שבועות זיך צו פרייען מיט א 'לכם' מיט א גשמיות'דיגע שמחה, ווייל דערמיט דערהערן מיר אז די תורה איז נישט נאר סוגיות און הלכות, וואס דאס וואלט מען געדארפט פראווענען דורך לערנען און הארעווען, אדרבה, מיר ברענגען אריין די שמחה אין אונזער עסן, טרינקן און אין אונזער טאג טעגליכע צרכי הגוף, ווייל עס איז א שמחה אויף דעם וואס מיר האבן מקבל געווען די תורה און געווארן די נייע און הייליגע מציאות פון א איד, מ'פריידט זיך אויף די מעלות וואס מיר האבן זוכה געווען, מ'פריידט זיך אויף דאס עצם לעבן ווי א איד, מיר האבן א תורה וואס וועט אונז פשוט מאכן לעבן די ריכטיגע לעבן, א לעבן וואס איז כולו קודש פיל מיט דערהויבנקייט און העכערקייט.

אין מסכת שבת (פ"ח:) זאגן אונז חז"ל אז ווען משה רבינו איז ארויף געגאנגען מקבל זיין די תורה האבן די מלאכים געטענה'ט צו הקב"ה געב אונז די תורה, "תנה הודך על השמים, לאז דיין שיינקייט ביי אונז", האט השי"ת געזאגט פאר משה רבינו ענטפער זיי א תירוץ אויף די טענה וואס זיי האבן, האט משה רבינו זיי געענטפערט אז רוב מצוות וואס שטייט אין די תורה האט נישט קיין שייכות מיט זיי בכלל, זיי זענען מצוות וואס זענען נאר נוגע אינעם 'עולם המעשה', איר האט עפעס געשעפטן צווישן זיך? איז דען פארהאן ביי אייך קנאה אדער שנאה? "האט איר דען א יצר הרע"?! גלייך האבן די מלאכים מודה געווען צו השי"ת.

מיר דארפן פארשטיין, השי"ת האט דאך געהאט א טעם און א הסבר פארוואס ער וויל געבן די תורה הק' פאר כלל ישראל, און משה רבינו שטייט שוין דארט גרייט צו נעמען, און דא פלוצלינג ווען די מלאכים קומען מיט טענות הייסט השי"ת אז משה רבינו זאל זיי ענטפערן, השי"ת אליין האט דאך זיי געקענט שטיל מאכן מיטן זאגן דאס איז מיין רצון, און אפשר גאר זיך נישט וויסענדיג מאכן, ווי פארשטענדליך דארף זיך השי"ת נישט פארענטפערן, און בכלל דארף מען פארשטיין און גוט אפלערנען דאס וואס משה רבינו האט זיי געענטפערט.

נאר ווי מיר האבן שוין געלערנט, הקב"ה האט געוואלט אז די מלאכים זאלן דערהערן אז די תוה"ק איז נישט נאר די 'ווערטער' און די לומדות וואס דאס קען טאקע בעצם אויך בלייבן אין הימל, און אפשר דארט וואלט געווען א בעסערע פלאץ דערפאר, אבער כדי די תוה"ק זאל ווערן א 'מציאות' אויף די וועלט, א כי הם חיינו וואס נעמט ארום יעדן פרט אין אונזער טאג טעגליכע לעבן, אונזער התנהגות ווי עס פאסט פארן עם הנבחר, דאס דארף מען 'מיטלעבן' בפועל און דאס קען נאר דער יליד אשה משה רבינו אויסשרייען, ווי משה זאגט זיי טאקע האט איר די אלע נסיונות און מלחמות, תוה"ק איז נישט סתם א לימוד, ס'איז די מציאות וואס מיר זענען, און דערפאר האבן מיר זוכה געווען דערצו.

און דבר בעתו מה טוב, שטייענדיג אין פרשת במדבר וואס רעדט פון ציילן די אידן, א זאך וואס ברענגט ארויס אונזער חביבות ביי השי"ת, ווי רש"י זאגט "מתוך חיבתן

לפניו מונה אותם כל שעה" דער אייבישטער ציילט אונז ווי איינער וואס האט ליב א זאך און איז עס מחשיב. ווייל דאס איז די גאנצע מהות פון קבלת התורה, די **יום חתונתו** ווען השי"ת האט זיך פאראייניגט מיט אונז מיט ליבשאפט און חביבות און אונז אויסגעוועלט אלס די ממלכת כהנים וגוי קדוש. ווי דער **אור החיים הק'** ברענגט אין פרשת יתרו, אז דעריבער האט הקב"ה נישט געברענגט כלל ישראל גלייך פון מצרים צום הר סיני, וויבאלד אידן האבן נאך געדארפט ציילן זיבן וואכן פון הכנה און זיך רייניגן ביז קבלת התורה, דעריבער איז נישט שייך זיי צו מאכן ווארטן ביים בארג סיני, פונקט ווי א חתן כלה זאלן ביידע זיצן אין זאַל עטליכע וואכן און סתם אפשטופן די חתונה, ווי קען מען טוהן אזא זאך? די ליבשאפט פון השי"ת און זיין גרויסע חשק און אהבה צו אונז, האט געמאכט אז מ'זאל זיך צוריקהאלטן פון זיך באגעגענען כביכול צוזאמען, נאר ווארטן ווי א חתן און כלה אפגעשיידט איינער פונעם אנדערן, ביז ענדליך ראש חודש סיון האט מען זיך ערלויבט צו טרעפן אינאיינעם, ווייל ס'גייט שוין פאָרקומען די גרויסע חתונה און אהבה.

און אז מ'רעדט שוין פון די מציאות פון א איד, דאס העכערקייט און דערהויבנקייט פונעם עם הנבחר, איז כדאי צו פארענדיגן מיט א ספעציעלע שטיקל, וואס מען דארף נישט קיין סאך צולייגן דערצו, עס זענען ווערטער וואס רעדן פון זיך אליין:

אין די פארגאנגענהייט (זעה גליון פרשת אמור) ווען מיר האבן גערעדט אין די ענין פון התבוננות, האבן מיר דערציילט א מעשה פון א יונגערמאן ר' יוסף וועלכער פלעגט אדורכגיין צופיס טעגליך פארנט פון א מושב זקנים, ביז איין טאג האט איהם אַן אלטער איד צוגערופן דורכ'ן פענסטער און דערציילט אז ער האט הנאה איהם צו זעהן, א זאך וואס האט אריינגעבלאזן אינעם יונגערמאן א שטארקע חיזוק און גוטע געפיל אין זיין טעגליכע שפאציר צו די ארבעט. אין ליכט פון יענעם שמועס, האט אונז א טייערע חבר שיחי' אריינגעשיקט א בריוו, א אמת'ע און הארציגע בריוו וואס עס האט געשריבן א איד, ליידער פון די יושבי חושך וצלמות, אַן ארעסטאנט אין איינס פון די אמעריקאנע טורמעס וואו עס געפונען זיך נישט קיין אנדערע אידן, און דער איד גיסט אויס זיין הארץ און געפילן אין עטליכע לאנגע בלעטער, מיר וועלן דא ברענגען א קורצע טייל דערפון איבערגעזעצט אויף אידיש, געטריי ווי דער איד שרייבט עס פון די טיפעניש פון זיין נשמה:

דער איד שילדערט קודם באריכות ווי צובראכן און דעפרעסט ער איז געווען אין זיין תפיסה צעל, און אז ער פלעגט זיך פשוט אנשטאפן מיט פארשידענע מעדיצינען און פילן נאר כדי צו קענען שלאפן רוב שעות פון טאג און נישט דארפן קוקן זיין שווערע מצב אין פנים אריין.

*איין שבת אינדערפרי ארום 7:30 וועקט מיך אויף מיין גוי'אישער שכן אין צימער און ער דערציילט מיר מיט א שמחה אז אינדרויסן שפאצירט יעצט אדורך א איד ארומגעוויקלט "מיט די זעלבע ווייסע לייליך וואס דו האסט", עס האט מיר געדויערט צייט צו קומען צו זיך און כאפן וואס ער רעדט בכלל, ער שרייט "עס גייט דארט א איד פונקט ווי דיר". ענדליך ווען איך האב געהערט וואס ער זאגט, האב איך געגעבן א שפרונג צו צום פענסטער, און איך זעה יא, דארט גייען אינאיינעם א טאטע מיט זיין יונגל, זיי כאפן זיך אן די הענט און שפאצירן געמיטליך, זיי זענען ביידע געווען אנגעטון בגדי שבת, און דער טאטע איז געווען איינגעהילט אין א טלית. מיין ערשטע רעאקציע איז געווען אז כ'האב מיך צעוויינט, איך געדענק נאך עד היום ווי מיין שכן האט געקוקט אויף מיר מיט רחמנות, ער האט זיך אנטשולדיגט אז ער האט נישט געמיינט וויי צו טוהן...*

*אבער איך האב געוויינט פון התרגשות און פרייד, א קלייניגקייט? איך האב זוכה געווען צו זעהן א אידישע פנים, איך האב אליינס נישט געוואוסט ווי חשוב דאס איז ביי מיר, אבער יא, נאכן זיין עלנד און אפגעזונדערט פאר אזא לאנגע צייט און נישט האבנדיג געזען א אידישע צורה פאר די אויגן, האט דאס פשוט געברענגט הייסע טרערן, איך האב געוואלט אנהאלטן יעדע מינוט אויף אייביג, איך האב געקלערט צו זיך אז אויב וואלט איך געווען א מעלער, וואלט איך מן הסתם אפגעמאלן די סצענע אין א בילד, צעהן ווי א איד מיט א טלית גייט מיט זיין זוהן אין שול, א זאך וואס פריער וואלט איך מן הסתם קיינמאל נישט מחשיב געווען און געטראכט אז ס'האט אין זיך א באזונדערע באדייט, אבער פלוצלינג אין מיין שווערע מצב בין איך געווארן אזוי איבערגענומען פון בלויז צעהן דעם איד דורכ'ן פענסטער. איך האב געשפירט ביי מיר ווי איינער וואס האט זוכה געווען צו "גילוי אליהו" פשוטו כמשמעו, בלויז פונעם פאקט פון צעהן א איד!*

*במשך די קומענדיגע וואכן האב איך געמאכט זיכער אויפצושטיין פרי, אז איך זאל קענען שטיין ביים פענסטער זיבן דרייסיג און צעהן אויב מיין אליהו הנביא וועט דארט אדורכגיין נאכאמאל, און צו מיין גרויס פרייד האב איך איהם געזעהן, וואך נאך וואך, אלעמאל פונקטליך אין די זעלבע צייט אינאיינעם מיט זיין זוהן. איך קען נישט גענוג שילדערן וואס פאר א מהפכה די סצענע האט געמאכט אין מיר, עס האט אריינגעבלאזן אין מיר א חיות און א פרישקייט, און פון דעמאלטס האב איך אנגעהויבן צו פילן א טעם אין לעבן און א פרייד, עס האט מיר געגעבן די מוט ארויסצוקריכן פון מיין דעפרעסיע און צובראכנקייט, כ'האב אנגעהויבן צו שפירן א זיסקייט אינעם שבת, איך האב אנגעהויבן צו פראווען די שבת'דיגע סעודה מיט א שמחה, און זינגען זמירות צו מיר אליין מיט א געשמאק. אפילו ווען מ'האט מיך געטוישט צו אן אנדערע צימער פון וואו איך האב שוין נישט געקענט ארויסקוקן צו יענע גאס, האב איך נאך אלס געבעטן די אנדערע ארעסטאנטן אז זיי זאלן מיר אריינלאזן צו א פענסטער וואו איך וועל ווייטער קענען מיטהאלטן די וואונדערליכע מראה, מיין וועכנטליכע דאזע פון חיזוק און שטארקייט אנצוגיין מיט'ן לעבן. יענער איד ווייסט נישט עד היום הזה וואס פאר א מצוה ער האט געטון בלויז מיט'ן אדורכגיין, ער האט אבער געראטעוועט מיין לעבן בגשמיות וברוחניות, יא איך האב זוכה געווען צו זעהן א איד...*

טייערע ברידער און שוועסטער, ווען דער הייליגע יו"ט קומט איז כדי זיך אפצושטעלן און זיך אמת'דיג מתבונן זיין אין די שיינקייט פון כלל ישראל, אין די לעכטיגע מתנה וואס מיר האבן באקומען און וועלן בעזר ה' באקומען פון פריש אין די קומעדיגע טעג, די הייליגע תורה הקדושה וואס טוישט אונזער מציאות, די תוה"ק וואס באלייכט אונזער גאנצע לעבן, די תוה"ק וואס מאכט אונז גאנץ און מאכט אונז זיין דעם עם הנבחר, דער תוה"ק וואס האט אונז געמאכט זיין דעם ממלכת כהנים וגוי קדוש, לאמיר אויסניצן די מינוטן זיך צוגרייטן צו קענען מקבל זיין די לעכטיגע אורות וואס קומען אין די טעג, לאמיר זיך גרייטן צו קענען דערהערן די טיפקייט פון די געוואלדיגע ליבשאפט וואס אונזער הייליגע טאטע האט צו אונז, און לאמיר מקבל זיין צו האבן ווי מער שייכות מיט די תוה"ק, סיי מיטן לערנען און הארעווען, סיי מיטן פשוט האבן די ריכטיגע חשיבות צו איר און צו די וואס האלטן איר טייער, און סיי מיטן ארייננקוקן אין די אייגענע הארץ אין טרעפן די מינוטן וואס מיר שפירן אז יא אט די תוה"ק איז דער חתונה אונזערע אין מיר זענען די כלה, ויה"ר אז מיר זאלן זוכה זיין צו אן הפשעה פון זיסקייט, די תוה"ק אונזערע וואס דאס נעמט אריין דער גאנצע מציאות פון אונזער אידישקייט זאל ווערן זיס און געשמאק פאר אונז און פאר אונזערע קינדער עד סוף כל הדורות, ס'זאל מקיום ווערן דעם תפילה וואס מיר בעטן זיך והערב נא ה' אלוהינו את דברי תורתך בפינו ובפיות עמך בית ישראל, ונהיה אנחנו וצאצאנו כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה, און מיר בעטן זיך ויה"ר אז מיר זאלן שוין אט זוכה זיין צו דאס וואס מיר ווארטן שוין אזוי לאנג, בביאת מלך המשיח בב"א!

## א לעכטיגע שבת קודש און א גוט יום טוב!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com